אַרײַנפֿיר צו די _עטנאָגראַפֿישע אַנקעטעס_
העפֿט 1: יום־טובֿים, 1928

פֿון דובֿ נוי

זינט דער גרינדונג פֿון דעם ייִדישן וויסנשאַטלעכן אינסטיטוט (ייִוואָ) אין ווילנע (1925) איז זײַן וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט אָנגעגאַנגען אין פֿינעף ריכטונגען, לויט די פֿינעף הויפּט־געביטן פֿון דער ייִדישיסטיק –– חכמות־ייִדיש. פֿיר פֿון די פֿינעף ייִוואָ אָפּטיילן זענען אָרגאַניזאַטאָריש געווען "סעקציעס," איינע איז געווען אַ "קאָמיסיע," ווײַל אין די אויגן פֿון די ייִוואָ גרינדער און אָנפֿירער איז מסתּמאָ איר געביט ניט געווען גענוג וויסנשאַפֿטלעך. לאָמיר אויסרעכענען די אָפּטיילן, אָפּהיטנדיק דעם סדר פֿונעם ייִדיש־אַלף־בית:

1) היסטאָרישע סעקציע;
2) עטנאָגראַפֿישע קאָמיסיע;
3) עקאָנאָמישה־סטאָטיסישע סעקציע;
4) פּסיכאָלאָגישע־פּעדאַגאָגישע סעקציע;
5) פֿילאָלאָגישע סעקציע.

די איינציקע ניט־סעקציע איז געווען די עטנאָגראַפֿישע, און אין די ייִוואָ פּובליקאַציעס און רשימות פֿאַרנעמט זי על־פּי־רובֿ דאָס לעצטע אָרט. עס איז ניט קיין וווּנדער וואָס די אָנגענומענע ייִוואָ וויסנשאַפֿלער און פֿאָרשער, וואָס צווישן זיי האָבן די היסטאָריקער און די פֿילאָלאָגן פֿאַרנומען דעם אויבן־אָן, האָבן געקוקט אויף די פֿאָלקלאָריסטן (דער באַנוץ מיטן טערמין "עטנאָגראַפֿיע" איז געווען בכּוח צו מאַכן דאָס געביט מער "רעספּעקטאַבל"...). די "וויסנשאַפֿט דעס יודענטומס" אין דײַטשלאַנד און וואָס איר די

פֿאַרגלײַך מיט דער מינדלעכער–הערעוודיקער טראַדיציע.  דעם "עם–הספֿר" פּאַסן בעסער געשריבענענע (אָדער געדרוקטע) און געלייענטע ביכער, ווי דערציילטע "באָבע–מעשׂיות" אָדער געזונגענע "לידלעך." די פֿלײַסיקע און איבערגעגעבענע אַרבעט פֿון די מיטגלידער פֿון דער עטנאָגראַפֿישער קאָמיסיע איז אָנגעגאַנגען לויט דעם מוסטער פֿון ענלעכע פֿאָלקלאָריסטישע אינסטיטוציעס (על–פּי–רובֿ אַרכיוון) און עטנאָגראַפֿישע מוזייען אין די סקאַנדינאַווישע לענדער. זינט עליִאַס לאָנראָט (1802–1884) האָט מצליח געווען צו דערגיין צו די אָריגינעלע אַלטע פֿינישע לידער (_קאַלעוואַלאַ_ [זע _ט.מ.ר._ 1.008]) אַ דאַנק זײַנע קאָנטאַקטן מיט זאַמלערס–לעזערס און אַ דאַנק דעם אויפֿשטעלען אַ זאַמלער–נעץ, וואָס אירע מיטגלידער פֿלעגן אים רעגולער שיקן מאַטעריאַלן מיט דער פּאָסט און ענטפֿערן אויף זײַנע שריפֿטלעכע אָנפֿרעגן, איז דער אַנקעטן–מעטאָד אָנגענומען געוואָרן אין פֿינלאַנד און אין די שכנישע לענדער. דער דאָזיקער מעטאָד האָט באַהערשט אויך די עטנאָגראַפֿישע קאָמיסיע, וואָס האָט געהאַלטן, אַז אין דער ערשטער פֿאַזע פֿון איר טעטיקייט דאַרף זי זיך קאָנצענטרירן אַרום דעם אויפֿשטעלן פֿון אַ זאַמלער–נעץ. אַזאַ נעץ באַשטייט פֿון דרײַ מינים מענטשן, וואָס יעדער פֿון זיי איז ווי אַ רינג אין דער דרײַיִקער קייט. די סטרוקטור באַשטייט פֿון 1) פֿאָרשערס; 2) זאַמלערס; 3) אינפֿאָרמאַנטן.

1)  אין דער דרײַיִקער פּיראַמידע איז דאָס אָרט פֿון די פֿאָרשערס אויבן אָן. זיי געפֿינען זיך אין דער "צענטראַלע" –– דאָס הייסט אין דער אינסטיטוציע, וועלכע דאַרף אָפּהיטן און פֿאָרשן די געזאַמלטע מאַטעריאַלן. דער פֿאָרשער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אָנהאַלטן קאָנטאַקטן מיט די זאַמלערס. ער קאָרעספּאָנדירט מיט זיי, ענטפֿערט אויף זייערע שריפֿטלעכע אָנפֿרעגן. ער (און זײַנע קאָלעגעס אין

פֿאָרשערס. ער אַליין איז איינער פֿון זיי, און דערפֿאַר איז ער אויך מחויבֿ צו פֿאַרעפֿנטלעכן אַרטיקלען און ביכער, וועלכע באַזירן זיך אויף די אוצרות אָנגעזאַמלט אין "זײַן" אינסטיטוציע. 2) דער זאַמלער איז אַ מין פֿאַרמיטלער צווישן דעם פֿאָרשער און דעם אינפֿאָרמאַנט.

3) דער אינפֿאָרמאַנט איז דער פֿאָלקסמענטש, וואָס איז אַרײַנגעטאָן אין זײַן טראַדיציע, איז אין איר באַהאַוונט, און פֿאַרשטייט, אַז זײַן באַשטימונג איז אַריבערצוגעבן, טראַנספֿערירן זײַן קולטור–ירושה לטובֿת די קומענדיקע דורות. ער ווייסט אַז דער זאַמלער וועט אים אינטערוויוּירן, אָבער ער ווייסט אויך, אַז "זײַנע" איבערגעגעבענע קולטור–איינסן זענען וויכטיק און וועלן אָפּגעהיט ווערן אין אַ נאַציאָנאַלער, עפֿנטלעכער אינסטיטוציע, ווּ זיי וועלן באַדינען דעם כּלל און די וויסנשאַפֿט בפֿרט. די מיטגלידער פֿון דער עטנאָגראַפֿישער קאָמיסיע האָבן טאַקע פֿאַרנומען דעם אויבן אָן פֿון דער פּיראַמידע, אָבער זיי האָבן זיך ניט געפֿירט ווי פֿאָרשערס, וואָס דאַרפֿן פּובליקירן. די סיבה דערפֿון איז געווען ניט אַזוי דער זילזול מצד זייערע קאָלעגעס, אויך ניט דאָס פֿעלן פֿון אַ געהעריקער, אַקאַדעמישער אויסשולונג. דעם הויפּט–חסרון האָבן זיי געזען אין דעם פֿעלן פֿון אַדעקוואַטע מאַטעריאַלן. דערפֿאַר האָבן זיי געזען זייער הויפּטציל אין אינטענסיווער אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט, וואָס נעמט אַרײַן דאָס זאַמלען און סאָרטירן, אָבער ניט דאָס ממשעסדיקע פֿאָרשן. נאָר אַז דער אָנגעזאַמלטער מאַטעריאַל וועט ווערן גענוג גרויס און רײַך (זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז זיי וועלן קיין מאָל ניט דערגרייכן דעם קאַמוסדיקן ניוואָ פֿון די סקאַנדינאַווישע אַרכיוון און מוזייען), נאָר דעמאָלט וועט מען אָנהייבן צו פֿאָרשן ממש און צו פּובליקירן. נאָר דעמאָלט וועט רעאַליזירט ווערן דער חלום פֿון דעם קאָמיסיע–סעקרעטאַר, חיים חיות (ער האָט געשריבן זײַן נאָמען מיט כּ', אָבער על–פּי–רובֿ לייגט מען אים אויס, אויך אין

יאָר צוריק. געבוירן (ווי איך) אין קאָלאָמײ (מזרח גאַליציע), פֿלעג חיים חיות פֿאַרברענגען זײַנע זומער וואַקאַציעס מיט זײַנע עלטערן אין אונדזער געבוירן־שטאָט (אין ווילנע איז ער אויך געווען אַ לערער און זיך ניט געקענט באַפֿרײַען אין משך פֿונעם שוליאָר) און פֿלעג באַנײַען יעדן זומער זײַן פֿרײַנדשאַפֿט מיט מײַן טאַטן (זינדאַלע נײַמאַן [נעומאַן]), וואָס איז ניט נאָר געווען זײַן בן־איר, נאָר אויך זײַן בן־דור (ביידע געבוירן אין 1889) און זײַן יוגנט־פֿרײַנד. איך געדענק ביז הײַנט זײַנע וויזיטן ווײַל אָפֿט פֿלעג ער און מײַן טאַטע אין די אָוונטן זיך באַגעגענען מיט פּאָטענציעלע אינפֿאָרמאַנטן -- דערציילערס, זינגערס, און אַזוי ווײַטער, און איך, אַ ייִנגל פֿון 10–12 יאָר, פֿלעג מיטגיין מיט זיי.... איך געדענק אויך גוט דעם אַקטיוון קאָלאָמייער ייִוואָ זאַמלערקרײַז וואָס חיות און מײַן טאַטע זענען געווען צווישן זײַנע גרינדערס. אין דעם באַנד _ייִדישער פֿאָלקלאָר_, ווילנע 1938 (ייִוואָ פֿילאָלאָגישע שריפֿטן באַנד 5), אונטער דער רעדאַקציע פֿון י.־ל. קאַהאַן, ווערן דערמאָנט אינעם זוכצעטל (ז. 354) 20 זאַמלערקרײַזן, און כּמותדיק איז קאָלאָמײ צווישן די ערשטע 5 ערטער. אָפֿט פֿלעג זיך חיות באַקלאָגן אויף זײַנע שטאָלצע ייִוואָ־קאָלעגעס און אין איינעם פֿון די געשפּרעכן האָט ער אויך אויסגעדרוקט דעם אויבנדערמאָנטן חלום, וואָס איז מסתּמאָ געווען אויך זײַן האָפֿענונג. אַ טייל פֿונעם דאָזיקן חלום איז געקומען צום אויסדרוק אין דער דיסקוסיע וועגן באַריכט פֿון דער עטנאָגראַפֿישער קאָמיסיע אויף דער אונטן דערמאָנטער 1929 ייִוואָ קאָנפֿערענץ. אַ מיטגליד פֿון דער קאָמיסיע, נפֿתּלי ווײַניג (געבוירן 1897 אין טאַרנע, מערבֿ גאַליציע), מאַכט אין דער דיסקוסיע אַ פֿאָרשלאָג, די עטנאָגראַפֿישע קאָמיסיע "זאָל מחמת איר חשיבֿות רעאָרגאַניזירט ווערן אין אַ זעלבשטענדיקע עטנאָגראַפֿישער סעקציע...." (_באַריכט_.... 1930, ז. 70). הײַנט איז מיר קלאָר, אַז די דאָזיקע אַרײַנגעזאַפּטע אין מיר זכרונות פֿון

בעל–שעם–טובֿ לעגענדע אין די קאַרפּאַטן–בערג. פֿיר יאָר נאָך דער גרינדונג פֿון ייִוואָ איז פֿאָרגעקומען אין ווילנע (פֿונעם 24 סטן ביזן 26טן אָקטאָבער1 )1929 די ערשטע אַלגעמיינע קאָנפֿערענץ פֿון דעם אינסטיטוט. אין דער זעלבער סעריע ("אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט") אין וועלכער אונדזער _עטנאָגראַפֿישע אַנקעטעס (20 זז.) זענען פּובליקירט געוואָרן, ווי נומער4 (אין1928), איז צוויי יאָר שפּעטער (אין 1930) פּובליקירט געוואָרן, ווי נומער 7,דער פּרטימדיקער _באַריכט_ פֿון דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ. ס'איז כּדאַי צו פֿאַרצייכענען, אַז צווישן די צוויי דערמאָנטע פּובליקאַציעס איז אַרויס (אין 1929), ווי נומער 6, "האַנטביכל פֿאַר זאַמלערס" מיטן נאָמען _וואָס איז אַזוינס ייִדישע עטנאָגראַפֿיע?_, וואָס, דעם אמת זאָגנדיק, וואָלט עס געדאַרפֿט דערשײַנען פֿאַר די _אַנקעטעס_, און ניט נאָך זיי.

דער אויסטערלישער סדר פֿון די צוויי אויסגאַבעס אַרויסגעגעבן דורך דער עטנאָגראַפֿישער קאָמיסיע, קען האָבן פֿאַרשיידענע דערקלערן. אָט זענען צוויי פֿון זיי. 1) סײַ חיות און סײַ י.–ל. קאַהאַן, (1937–1881) וועלכן חיות האָט געהאַלטן פֿאַר זײַן רבין, זענען ניט געווען פֿאַראינטערעסירט אין דער טעאָרעטישער אויסשולונג און בילדונג פֿון די זאַמלערס. עס קען געדרונגען זײַן פֿון קאַהאַנס קאָרעספּאָנדענץ מיט חיותען, אַז ביידע האָבן געזען נאָר די יוגנט אין די שולן ווי דעם דור וועלכער וועט ווײַטער ממשיך זײַן די פֿאָלקס טראַדיציע. ס'איז ניט כּדאַי אָפּצוגעבן צײַט און ענערגיע די עקזיסטירנדיקע זאַמלערס, וואָס דורכשניטלעך זענען זיי שוין ניט יונג און פֿאַרשטייען ניט די וויכטיקייט פֿון די געזאַמלטע מאַטעריאַלן (פֿאַרגלײַך קאַהאַן, _שטודיעס_ [ניו יאָרק 1952] ז. 305 אַ בריוו פֿון חיותען). 2) דער צווייטער דערקלער ברענגט אונדז צו דער פּראָבלעמאַטיק פֿון דער שטעלונג פֿון דער

לעבנסציקל. אין חיותעס אַרבעט וועגן "גלייבונגען און מינהגים אין פֿאַרבינדונג מיטן טויט" (_פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ_, באַנד 2, 1928, .זז 281–328) איז די השפּעה פֿון דעם לעצטן קאַפּיטל אין אַנסקיס _דער מענש [מענטש]_ ("דער טויט 401",פֿראַגעס) גאָר קלאָר. דאָס דאָזיקע בוך איז געווען אַ סך–הכּל פֿון דער אַנסקי עקספּעדיציע (1912–1914) און איז דערשינען אין פּעטערבורג, 1915. גייענדיק אין אַנסקיס פֿוסטריט האָט אויך די קאָמיסיע באַשלאָסן אַרויסצוגעבן קודם–כּל די אַנקעטעס אין בוכפֿאָרם, און דעם טעאָרעטישן אַרײַנפֿיר –– ניט פֿאַר דער "אין סיטו" דערפֿאַרונג, נאָר דווקא נאָך איר. די אַנסקי אימיטירונג איז אָבער נאָר איין צד פֿון דער ייִוואָ–אַנסקי צווייטײַטשיקער באַציונג. די ייִוואָ טוערס און די פֿיר אויבערדערמאָנטע סעקציעס האָבן געוווסט אַז זייער אויפֿטועז זענען פּיאָנעריש און דאָס האָט זיי אָנגעפֿילט מיט שטאָלץ און באַפֿרידיקונג. די עטנאָגראַפֿישע קאָמיסיע איז אָבער געשטאַנען אין אַנסקיס שאָטן און אַ סך פֿון זייערע באַשלוסן קען מען פֿאַרשטיין ווי אַן אַנטי–אַנסקי רעאַקציע. דאָס איז מסתּמאָ אויך די סיבה דערפֿאַר, וואָס די ערשטע פּובליקאַציע פֿון דער קאָמיסיע גיט זיך אָפּ מיט אַנקעטעס פֿאַרבונדן מיטן יאָרציקל, וואָס טראָגט וויסנשאַפֿטלעך אַן אַוואַנגאַרדישן כאַראַקטער, און ניט מיט דעם לעבנסציקל, וואָס אַנסקי און די גרופּע צוהערער פֿון דער ייִדישער אַקאַדעמיע אין פּעטערבורג האָבן אים שוין באַאַרבעט אין 1915.דער אמת איז אַז אַנסקי האָט צוגעגרייט צום דרוק אַ צווייטן באַנד פֿון _דאָס ייִדישע עטנאָגראַפֿישע פּראָגראַם _ (_דער מענש_ [מענטש] איז געווען דער ערשטער באַנד), מיטן נאָמען _שבת און יום–טובֿ_, און עס זענען פֿאַראַן פֿאַרלאָזלעכע עדותן וועגן קאָרעקטעס פֿון דער דאָזיקער פּובליקאַציע. אָבער בשעת דער רעוואָלוציע איז אַלץ פֿאַרלוירן געגאַנגען. אין משך פֿון אירע ערשטע פֿיר יאָר איז די קאָמיסיע געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט

אַלגעמיינער און ייִדישער "עטנאָגראַפֿיע" (הײַנט וואָלטן מיר ליבערשט געהאַט די פֿאָרמולירונג "פֿאָלקלאָר" -- מיינענדיק דער עיקרשט די מינדלעכע–הערעוודיקע און קאָגיטאַטיווע, און "עטנאָלאָגיע" -- מיינענדיק דער עיקרשט די וויזועל–מאַטעריעלע פֿאָלקסקולטור) וואָלט ניט געווען יושרדיק. אַ דאַנק דעם טעכנאָלאָגישן פּראָגרעס אין די 70 יאָר זינט דעם אַרויסלאָז פֿון די אַנקעטעס און אַ דאַנק דעם אויפֿבלי פֿון די טעלעקאָמוניקאַציע–מיטלען אין דעם לעצטן יאָרצענדליק פֿון אונדזער יאָרהונדערט, איז דער מעטאָד פֿון קאָרעספּאָנדענץ–אַנקעטעס אין גאַנצן פֿאַרעלטערט געוואָרן (אין דעם אמת איז ער שוין מיט 50 יאָר צוריק אַרויס פֿון באַנוץ). ווי קען מען אין דער צײַט פֿון ווידעאָ–אַפּאַראַטן, וועלכע פֿאַראייביקן יעדן אינטערוויו, סײַ הערעוודיק (אין קלאַנג) און סײַ וויזועל (אין ראיה), באַניצן האַנטשריפֿטלעכע ענטפֿערס אויף פֿראַגעס און פֿאַרשריבענע באַריכטן, וואָס קענען קיינמאָל ניט זײַן אין גאַנצן גענוי, און טעכניש זענען זיי ניט–פֿאַרלאָזלעך? דער אמת איז אַז די זאַמל–אַרבעט גייט ווײַטער אָן אויף אַלע געביטן פֿון אונדזער קולטור, סײַ אין פֿאַרבינדונג מיט זייער עבֿר און סײַ אין פֿאַרבינדונג מיט זייער הוויה, אָבער די מיטלען זענען מאָדערניזירט געוואָרן. דערפֿאַר זענען די _אַנקעטעס_ נאָך אַלץ וויכטיק, ניט נאָר צוליב אונדזער היסטאָרישן אינטערעס, נאָר אויך צוליב זייער אינהאַלט און זייער תּכליתדיקן ווערט. בחן דאַרף מען זאָגן אַ דאַנק און אַ האַרציקן ישר–כּוח די איניציאַטאָרן פֿונעם איצטיקן, נײַעם אַרויסלאָז פֿון דער _אַנקעטעס_ בראָשור. אינהאַלטלעך זענען די אָנווײַזן פֿאַר די אַלטע זאַמלערס וויכטיק אויך פֿאַר די נײַע "אויפֿנעמערס," און עס איז ניט קיין נפֿקא–מינה, צי זיי זענען שרײַבערס אָדער פֿאָטאָגראַפֿן און וואָסערע מיטלען זיי באַניצן. די אַנקעטעס ווײַזן דעם וועג אויך צום זוכן פֿון אומבאַקאַנטע, אויך הײַנטצײַטיקע

פֿאָרשונגען און פּובליקאַציעס, ניט געווען יושרדיק. מע קען זיך אָבער באַנעמען צו די אַנקעטעס לויט דעם מצבֿ אין דעם יאָר פֿון זייער פּובליקאַציע, האָפֿנדיק אַז די באַמערקן און די קריטיק קענען העלפֿן די צוקונפֿטיקע פֿאָרשערס פֿון אונדזערע פֿאָלק־טראַדיציעס. דאָס פֿאַרצייכענען פֿון די בלויזן איז ניט אויסן אַרונטערצורײַסן די פּובליקירטע אַנקעטעס; דער ציל איז צו העלפֿן די מאָדערנע פֿאָרשערס, צווישן זיי אויך מחברים פֿון נײַע "וועגווײַזערס" צו ייִדישע פֿאָלק־טראַדיציע אויפֿן געביט פֿון יום־טובֿים־פֿאָלקלאָר. די נײַע אָנווײַזן, אויך פֿאַר סעקולערע אויפֿנעמערס, טאָרן ניט זײַן עם־הארציש, און מע דאַרף בשעת דעם צוגרייטן פֿון אַ נײַעם אַרויסלאָז, האָבן אין זינען דאָס אויסבעסערן פֿון די בלויזן און דאָס דערגאַנצן פֿון די פֿעלנדיקע מאַטעריאַלן. די באַציונגען צווישן דעם גלויבן און די גלייבונגען, צווישן דין און מינהג ("אַ מינהג ברעכט אַ דין") האָבן תּמיד באַשעפֿטיקט און וועלן תּמיד באַשעפֿטיקן סײַ די רבנים און סײַ די פֿאָרשערס. אָבער אין די אַנקעטעס איז ניטאָ קיין באַוווּסטזיניקייט לגבי דער דאָזיקער פּראָבלעמאַטיק, און די גרענעצן צווישן די אָבליגאַטאָרישע כּלל־ייִדישע תּרי"ג מצוות און די מינהגים, וועלכע זענען פֿאַראַן (האָבן אַ "זיץ אין לעבן") נאָר בײַ אַ טייל ייִדן, די דאָזיקע גרענעצן זענען אין אונדזערע אַנקעטעס אָפֿט מאָל פֿאַרנעפּלט, אפֿילו מבֿולבל. די ייִוואָ אַקטיוויסטן (צווישן זיי אויך די זאַמלערס) זענען געווען (מיט גאָר קליינע אויסנעמען) וועלטלעכע ייִדן. צווישן די וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטערס אין דער ווילנער צענטראַלע איז ניט געווען קיין איין־איינציקער פֿרומער ("גאָט־פֿאָרכטיקער") יונגערמאַן וואָס האָט אָפּגעהיט די מצוות. די פֿון זיי, וואָס האָבן אין זייער יוגנט געלערנט אין חדרים און ישיבֿות האָבן ניט שטאָלצירט דערמיט, אפֿילו אַז זיי האָבן זיך ניט געשעמט מיט זייער עבֿר, דעם עבֿר פֿון אַ "פֿאַרגייענדיקער וועלט." אויך די מיטגלידער פֿון דער עטנאָגראַפֿישער קאָמיסיע זענען דאָס רעליגיעזע

יאָרן מער ישיבֿה–בחורים, ווי ייִוואָ–באַזוכערס. אַ פֿראַגע ווי "צי איז פֿאַראַן נאָך דער מינהג?" (זע: פּסח 13 גימל) שאַפּט דעם רושם אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַן אַלטן, "שטאַרבנדיקן" מינהג. אָבער אין דער אמתן ווערט דאָ דערמאָנט דער מינהג אַז קינדער גנבֿענען אַרויס דעם אַפּיקומן און קויפֿן אים אויס, און ס'איז מיר קלאָר אַז אין די 1920ער יאָרן איז ניט געווען קיין ייִדיש (סײַ רעליגיעזער סײַ וועלטלעכער) סדר אין ווילנע אָן דעם דאָזיקן מינהג. לאָמיר אַנאַליזירן קליינע קורצע פּאַראַגראַפֿן און אַרויסברענגען פּרטים, וואָס קענען אונדז דינען ווי אַ כּלל און ווי אַ מוסטער פֿאַר צוקונפֿטיקע פֿאַרבעסערונגען און דערגאַנצונגען: דעם "שבת הגדול" גיט מען אָפּ אַן איין–איינציקער פּאַראַגראַף (זע: פּסח 3) כאָטש לויט זײַן אָרט אין אונדזער פֿאָלקס–טראַדיציע "קומט" אים אַ סך מער. עס פֿעלט דער אָפּשטאַם פֿונעם נאָמען. די "פֿאַר וואָס"–פֿראַגעס וואָס יעדער ענטפֿער אויף זיי שפּיגלט אָפּ פֿאָלק–עטימאָלאָגיעס, פֿאָלק–אָנשויונגען, פֿאָלק–מחשבֿות, זענען גאָר ווייניק רעפּרעזענטירט אין די אַנקעטעס. דער אָפּשטאַם פֿון די העברעיִשע טערמינען, ווי (אין אונדזערע אַנקעטעס) ספֿירה, ניטל [זע די לעצטע הוספֿה אין די אַנקעטעס], ו"אַ, האָט פֿאַרשיידענע אינטערעסאַנטע דערקלערן אין פֿאָלק און שפּיגלט אָפּ זײַן פֿאָלקס–"עגאָ", אָפּט מאָל בעסער, געטרײַער און גענויער ווי אַנדערע אַרויסזאָגן. צו די דערגאַנצונגען פֿון "שבת הגדול" געהערט אויך דער מנהג פֿון שיקן ("עקספּידירן") די פּרכעס (ד"ה די גבֿירים–קמצנים) קיין מצרים, אַ מינהג פֿאַרבונדן מיט פֿאַרבעטונגען, רײַזע–בילעטן, אוא"וו. חיים חיותען איז דער פֿאַרשפּרייטער מינהג געווען גוט באַקאַנט, און איך ווייס ניט פֿאַר וואָס ער האָט זיך געשעמט מיט אים און דאָס שווײַגן איז אים געווען ליבערשט. דאָס "שעמען זיך" דערקלערט אפֿשר אויך דאָס פֿעלן פֿון אַנדערע גוט באַקאַנטע, פֿאַרשפּרייטע (אין דעם לעבן און

ערשטע אין אונדזער העפֿט (שבת–שירה 7 ,פֿראַגעס), און דווקא זי שטאַמט ניט פֿון דער קאָמיסיע, נאָר פֿון אַ לאָקאַלן זאַמלקרײַז. די דאָזיקע אַנקעטע קען דינען ווי אַ מוסטער, ווײַל די פֿראַגעס זענען ניט אַלגעמיינע, וואָס פּאַסן זיך אַרײַן אין יעדער אַנקעטע (אַזוי תּישעה–באָבֿ 2; "גיט אונדז אַ באַשרײַבונג פֿון... בײַ אײַך און פֿון די מינהגים וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט דעם טאָג," ווו אַנשטאָט דעם וואָרט "תּישעה–באָבֿ" קען קומען אַן אַנדער יום–טובֿ–נאָמען). די פּראָפּאָרציע פֿון די אָנצוהערענישן איז גוט. זיי זענען קאָנדענצירט און ניט צו אויספֿירלעך. פֿראַגע 1 וויל וויסן דעם אָפּשטאַם פֿון דעם באַזונדערן נאָמען (אַזאַ פֿראַגע וועגן דער נאָמענקלאַטור פֿעלט אין אַ סך אַנקעטעס), די אַנדערע פֿראַגעס זענען פֿאַרטיילט צווישן פֿאָלקס–ליטעראַטור זשאַנערס (2: מעשׂיות; עס פֿעלט די פֿאָלקסליד און מוזיק–טעמע, וועלכע שפּילט מסתּמאָ אַ באַזונדערע ראָלע אין משך פֿון אַ שבת, וואָס האָט אין זײַן נאָמען דאָס וואָרט שירע –– אַ ליד, אַ געזאַנג...), אָפּשטאַם–פֿראַגעס וועגן מנהגים (5.7 ,4: ענטפֿערס אויף אַזעלכע פֿראַגעס פֿירן צו פֿאָלקס–גלייבונגען), טערמינאָלאָגיע–דיִאַלעקטאָלאָגיע–לינגוויסטיק (4) מינהגים–באַשרײַבונגען (3,7) . די פּראָפּאָרציע צווישן די פֿאַרשיידענע זשאַנערס פֿאַרבונדען מיט "שבת שורה" איז אויסגעהאַלטן און פֿײַן. אינטערעסאַנט איז די הוספֿה וועגן דעם 15טן כּיסלו וואָס דערמאָנען דעם פֿאָלקלאָר פֿון די חבֿרה–קדישא לײַט וועלכע האָבן אויפֿגעהיט אַ סך אינטערעסאַנטע מינהגים. דער אמת איז, אַז נאָר אין גאָר ווייניק קהילות ווערט די דאָזיקע דאַטע אָפּגעריכט ווי דער חבֿרה–קדישא טאָג, דורך אַ טאָג פֿון פֿאַסטן וועלכער ענדיקט זיך מיט אַן אימפּאָזאַנטער סעודה. דער אָנגענומענער חבֿרה–קדישא טאָג איז דער 7טער אָדר, און די דאָזיקע דאַטע (לויט דער גמרא איז משה רבינו געבוירן און נפֿטר געוואָרן ע' ב"אָדר) פֿעלט אין אונדזערע אַנקעטעס און דאַרף

אויב עס וועט אָנגענומען ווערן אַ באַשלוס וועגן אַ נײַעם אַרויסלאָז פֿון דעם "האַנטביכל פֿאַר זאַמלער" איז כּדאַי אַז נאָך יעדן איינעם פֿון די קאַפּיטלעך (אַלע זענען באַגלייט דורך אויספֿירלעכע ביבליִאָגראַפֿיעס) זאָלן קומען צוגאָבן און דערגאַנצנדיקע באַמערקונגען. זיי וועלן זאָגן עדות וועגן דעם גרויסן פּראָגרעס פֿון דער ייִדישער עטנאָלאָגיע און דער ייִדישער פֿאָלקלאָריסטיק במשך פֿון די לעצטע 70 יאָר.